# אונזער קינדער גארטן

**מהנעשה ונשמע**

**בכיתת גן בתלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר קרית יואל בני ברק**

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**כיתת המלמדים הר"ר דוד בן ציון וויינבערגער הי"ו והר"ר יואל ברד"מ ווייס הי"ו**

בעזהשי"ת | **פרייטאג פרשת וירא, י"ד מרחשון, תשע"ב** | ערשטע אויסגאבע



## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר שיחי'

**יחיאל פייערווערגער** נ"י

**בן הר"ר משה ישראל הי"ו**

צו זיין חאלאקע

יה"ר די עלטערן זאלן זעהן פון אים אסאך תענוג ונחת

## בקשה נחוצה

מיר בעטן די עלטערן שיחיו

**מ'זאל ביטע מסדר זיין ביי די מלמדים**

**די שכר לימוד**

**פון די קינדער**

אויף א גאנץ יאר מיט 12 צ'קים

## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר שיחי'

**אלי' לעבאוויטש**

נ"י

צו די געבורט פון זיין שוועסטער תחי'

## השכמת הבוקר

אלע אינגלעך ווייסן שוין דער חילוק פון אמאל און היינט ביים אויפשטיין אינדערפרי, אמאל האט מען געהאט א הינדל וואס האט געשריגן קולות יעדן אינדערפרי און אזוי איז מען אויפגעשטאנען, היינט לייגט מען א זייגער וואס וועקט אויף און אזוי שטייט מען אויף יעדן אינדערפרי

## אוהל אברהם

די קינדער האבן זייער הנאה געהאט פון די געצעהלט וואס מ'האט געמאכט אין חדר, אזוי ווי די עלטערן קענען זעהן די ארבעט וואס מיר האבן מיט געשיקט אהיים מיט די קינדער שיחיו, און זיי ווייסן אז ביי אברהם אבינו'ס געצעהלט איז געווען פיר טיהרן כדי די מענטשן וואס גייען אריבער ביי אלע פיר זייטן זאלן קענען אריינקומען, און אזוי האט אברהם אבינו מקיים געווען די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים



דער **"שבת טאטע"**

די וואך איז געווען

**אברהם מרדכי שווארץ** נ"י

---

די יאר האבן מיר באנייט א נייע זאך אין חדר ביי די כיתה

**אז דער "שבת טאטע" זאל אויך ברענגען א בילקעלע**

און דער שבת טאטע וועט טיילן פאר יעדן איינעם א שטיקל פון די בילקעלע